## LESSON 2

### צווייטע לעקציע

# דער לערער און די תּלמידים אין קלאַס

דער קלאַס איז גרויס. אין קלאַס לערנען זיך תּלמידים. די תּלמידים האָבן העפֿטן און פֿעדערס. דער לערער שרײַבט מיט קרײַד אויפֿן טאָוול. ער שרײַבט גרויסע ייִדישע אותיות. די תּלמידים לייענען די ווערטער און שרײַבן זיי אין די העפֿטן.

יוסף שטיינבערג איז אַ תּלמיד. ער שרײַבט ניט קיין ייִדיש, ער לייענט נאָר. ער לערנט זיך. ער האָט אַ נײַע העפֿט. ער האָט אויך זייער אַ גוטע פֿעדער. דער לערער פֿרעגט אים:

„וויפֿל ייִדן וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן?"

יוסף ענטפֿערט: „אַ סך ייִדן."

דער לערער זאָגט: „ריכטיק. דאָ וווינען אַ סך ייִדן. אָבער וויפֿל? אַ מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן?"

„אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן וווינען איבער פֿינף מיליאָן ייִדן," זאָגט יוסף.

„ריכטיק. יוסף ווייסט. יוסף איז אַ גוטער תּלמיד. און וויפֿל ייִדן וווינען אין ניו־יאָרק?"

יוסף ענטפֿערט: „אין ניו־יאָרק זײַנען דאָ אַ מיליאָן ייִדן."

„ניין, ניט ריכטיק," זאָגט דער לערער, און שרײַבט אויפֿן טאָוול:

אין ניו־יאָרק וווינען איבער צוויי מיליאָן ייִדן.

איצט ווייסן אַלע תּלמידים, וויפֿל ייִדן וווינען אין ניו־יאָרק.

„צי זײַנען דאָ ייִדן אין אויסטראַליע?" פֿרעגט דער לערער.

„ניין, אין אויסטראַליע זײַנען ניטאָ קיין ייִדן," ענטפֿערט אַ תּלמיד.

„ניט ריכטיק," זאָגט יוסף, „אין אַלע לענדער זײַנען דאָ ייִדן."

„וואָסערע שפּראַכן רעדן ייִדן?"

די תּלמידים ענטפֿערן: „אין אַמעריקע רעדן אַ סך ייִדן ענגליש. אין אַנדערע לענדער רעדן ייִדן שפּאַניש און אַנדערע שפּראַכן. אין ישׂראל רעדן זיי העברעיִש."

„אַבער וואָסער שפּראַך קענען ייִדן אין אַלע לענדער?"
„אין אַלע לענדער קענען זייער אַ סך ייִדן ייִדיש," זאָגט אַ צווייטער
תּלמיד. „ייִדיש איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַך. ייִדן רעדן,
לייענען און שרײַבן ייִדיש." 3

## VOCABULARY

- אַבער but, however (*not a sentence unit*)
- אָדער or (*not a sentence unit*)
- אותיות [OYSYES] letters (of the alphabet)
- אויפֿן (*pronounced* [AFN]) on the
- אים him
- אינטערנאַציאָנאַל international
- איצט now
- גוט good
- גרויס big, large, great
- דאָ here
- איז דאָ there is
- זײַנען דאָ there are
- העברעיִש Hebrew
- די העפֿט notebook (*plural*: העפֿטן)
- וואָס what
- ווייסט (he) knows
- ווייסן (they) know
- ווער who
- ווערטער (*plural of* דאָס וואָרט) words
- זאָגט (he) says
- זיי they, them
- זיך ← לערנען זיך
- דער טאָוול blackboard
- יוסף [YOYSEF] *man's name* (*Yiddish equivalent of* Joseph)
- ישׂראל [YISROEL] Israel
- לייענט (he) reads
- ליי'ענען (they) read
- לערנט זיך (he) learns, studies
- לערנען זיך (they) learn, study
- דער לערער teacher
- מיט with
- נאָר only
- ניט not
- ניטאָ: איז ניטאָ' there is not
- זײַנען ניטאָ' there are not
- נײַ new
- ענטפֿערט (he) answers
- ע'נטפֿערן (they) answer
- ער he
- די פּעדער pen (*plural*: פּעדערס)
- פֿרעגט (he) asks
- צווייט second (*adjective*)
- קיין any, not any
- דער קלאַס class
- קליין little, small
- קענען (they) know (a language)
- די קרײַד chalk
- ריכטיק correct
- שרײַבט (he) writes
- שרײַבן (they) write
- דער תּלמיד [TALMED] student
- תּלמידים [TALMIDIM] students

## QUESTIONS

1. צי איז דער קלאַס אַ קליינער? 2. ווער לערנט זיך אין קלאַס?
3. מיט וואָס שרײַבט דער לערער? 4. וואָס שרײַבט ער? 5. וואָס איז
יוסף שטיינבערג? 6. צי שרײַבט ער ייִדיש? 7. וואָס פֿרעגט אים דער
לערער? 8. צי ווייסט יוסף? 9. צי וווינען ייִדן אין אויסטראַליע?
10. אין וואָסערע לענדער קענען ייִדן ייִדיש?

## GRAMMAR

### 1. Adjectives

גרויס big
קליין small

This, the shortest form of the adjective, is called its *base form*.

דער גרויסער טאָוול the big blackboard
די גרויסע שטאָט the big city
דאָס גרויסע לאַנד the big country
אַ גרויס לאַנד a big country

When an adjective is used before a noun, as in the above examples, endings are added to the base form according to the gender of the noun. With *masculine* nouns the ending is **ער—**; with *feminine* nouns, it is **ע—**; with *neuter* nouns, the adjective has the ending **ע—** when preceded by the *definite* article, but no ending when preceded by the *indefinite* article.

In the plural, the ending of the adjective is **ע—** for all genders, whether used with the article or without:

די גרויסע לענדער the big countries
גרויסע לענדער big countries

In the vocabulary, adjectives are listed in their base form, e.g. גרויס.

### 2. Accusative

A noun with the article and adjective or adjectives that precede it, when used as the direct object of a verb, is always in the accusative case. The noun has the same form in the accusative as in the nominative.

The articles also have the same form in the accusative, except for the *masculine singular* of the definite article, where the nominative **דער** is replaced in the accusative by **דעם**.

The adjective, too, has the same forms in the accusative as in the nominative, but in the *masculine singular* the nominative ending **—ער** is replaced, depending on the last sound of the base:

by **—ען**, if the base ends in a vowel, a diphthong, or in **—ם**;
by **—עם**, if the base ends in **—ן**;
by **—ן** in all other cases.

דער פֿרומ**ער** ייִד — דעם פֿרומ**ען** ייִד
דער קליינ**ער** קלאַס — דעם קליינ**עם** קלאַס
דער גרויס**ער** טאָוול — דעם גרויס**ן** טאָוול

The adjective נײַ is an exception: its form in the masculine accusative is **נײַעם**.

דער נײַ**ער** טאָוול — דעם נײַ**עם** טאָוול

ARTICLE AND ADJECTIVE ENDINGS

<table>
<tr><th rowspan="2"></th><th rowspan="2">MASCULINE</th><th rowspan="2">FEMININE</th><th colspan="2">NEUTER</th><th rowspan="2">PLURAL</th></tr>
<tr><th>DEFINITE</th><th>INDEFINITE</th></tr>
<tr><td>NOMINATIVE</td><td>דער / אַ —ער</td><td rowspan="2">די / אַ —ע</td><td rowspan="2">דאָס —ע</td><td rowspan="2">אַ ——</td><td rowspan="2">(די) —ע</td></tr>
<tr><td>ACCUSATIVE</td><td>דעם / אַ —ן<br>(—ען, —עם)</td></tr>
</table>

### 3. Negative Article

יוסף האָט אַ העפֿט Yoysef has a notebook
דער לערער האָט ניט קיין העפֿט The teacher has no notebook

In a *negative statement,* the indefinite article **אַ** or **אַן** is replaced by the *negative article* **קיין**.[1] Unlike **אַ**, the negative article **קיין** is also used in the plural, where no article is used in affirmative statements:

די תּלמידים שרײַבן מיט פֿעדערס The students write with pens
די תּלמידים שרײַבן ניט מיט קיין פֿעדערס The students do not write with pens

In the last examples, **קיין** occurred in a prepositional phrase. It can also appear in the predicate. For instance:

יוסף איז אַ תּלמיד Yoysef is a student
יוסף איז ניט קיין תּלמיד Yoysef is not a student

**קיין** usually replaces **אַ** in every sentence unit of a negative statement except the subject, which retains **אַ** (provided it is at the beginning of a sentence):

---

1 Usually [KEN]; but in the pronoun קיינער ניט (p. 313) the pronunciation is [KEYN. . .].

אַ לערער איז ניט קיין תּלמיד A teacher is not a student

קיין also replaces אַ in the phrase אַ סך *much, many:*

דער לערער האָט אַ סך תּלמידים

דער לערער האָט ניט קיין סך תּלמידים

Note the place of ניט in the sentence.

## 4. Third Person

The ending of most verbs in the third person singular of the present tense is ט—. An exception, in which there is no ט— ending in the singular, is:

ער קען he knows *(a language)*

In the third person plural, the singular ending is replaced as a rule by ן—, but by ען— if the base of the verb ends in ן—:

(פֿרעג—) ער פֿרעגט, זיי פֿרעגן

(שרײַב—) ער שרײַבט, זיי שרײַבן

(לייענ—) ער לייענט, זיי לייענען

Also:

(קענ—) ער קען, זיי קענען

The endings of the third person plural are discussed in greater detail on p. 55.

## 5. The Adverb זייער

זייער אַ גוטער תּלמיד

דער זייער גוטער תּלמיד

The adverb זייער *very* precedes the indefinite article but follows the definite article.

## EXERCISES

A. Wherever necessary, supply the proper adjective endings:

1. דאָס נײַ— לאַנד. 2. דער גרויס— טאָוול. 3. די קליינ— אותיות. 4. דער גוט— לערער. 5. די נײַ— פֿעדערס. 6. די גוט— ווערטער. 7. דעם גרויס— קלאַס. 8. די גוט— קרײַד. 9. אַ קליינ— פֿאָלק. 10. דער נײַ— תּלמיד. 11 דעם גוט— ייִד. 12 די קליינ— העפֿט. 13. דעם נײַ— טאָוול. 14. די נײַ— שפּראַך. 15. דעם קליינ— קלאַס. 16. דאָס גרויס— פֿאָלק. 17. זייער אַ גוט— לאַנד.

B. Make up questions with the following phrases:

1. וואָס האָבן . . . . . . . . . . . . ?

2. ווו איז דאָ . . . . . . . . . . . . ?

3. ווער . . . . . . . . . . . . . . ?
4. צי . . . . . . . . ייִדישע אותיות?
5. וואָס פֿרעגט . . . . . . . . . . ?
6. וואָסער . . . . . . . . . אין ישׂראל?
7. וואָס זאָגט . . . . . . . . . . איצט?
8. ווו שרײַבט . . . . . . . . . . . ?
9. ווו . . . . . . . . . . . העברעיִש?

C. Provide written answers to the questions which you have made up.

D. Make negative statements out of the following:

1. דער לערער האָט אַ העפֿט. 2. אין קלאַס איז דאָ אַ טאָוול. 3. יוסף שטיינבערג איז אַ תּלמיד. 4. די תּלמידים האָבן פֿעדערס. 5. זיי שרײַבן ייִדישע אותיות. 6. דער לערער שרײַבט מיט קרײַד. 7. דער תּלמיד שרײַבט מיט אַ פֿעדער. 8. ער שרײַבט אין אַ העפֿט. 9. ער ענטפֿערט. 10. יוסף לייענט ייִדיש. 11. דער תּלמיד לערנט זיך ייִדישע ווערטער. 12. דער לערער פֿרעגט דעם גוטן תּלמיד. 13. אין ניו־יאָרק וווינען ייִדן. 14. ער קען ייִדישע ווערטער. 15. דער לערער האָט תּלמידים. 16. אַ לערער האָט תּלמידים.

E. Translate the following sentences into Yiddish. Words in [ ] are to be omitted.

1. The teacher has a new student. 2. He has no good students. 3. In Israel [the] Jews speak Hebrew, but very many Jews know and speak Yiddish. 4. Yoysef reads and writes Yiddish. 5. Yiddish is not a new language. 6. Canada is a very large country. 7. In Chicago there are many Jews. 8. In Australia there are not many Jews. 9. The teacher knows Yiddish and English, but he does not know Spanish. 10. The student does not know where the teacher is. 11. The teacher has a very large class. 12. There is no class today. 13. The teacher asks the new student: 14. "How many students are there in the class today?" 15. Yoysef answers: 16. "Today there are very many students." 17. The other students also answer. 18. Only two students speak Yiddish. 19. They write or read the language. 20. The teacher writes with chalk on the blackboard or with a pen in a notebook.

## DIALECTS AND THE STANDARD LANGUAGE

Spoken Yiddish can be roughly classified into four main dialects:

(1) "Lithuanian" Yiddish, spoken in Lithuania, White Russia, and pre-World War II northeastern Poland;

(2) "Ukrainian" Yiddish, spoken in the Ukraine, eastern Galicia, Rumania, and pre-World War II southeastern Poland;

(3) "Polish" Yiddish, spoken in the area between the German-Polish frontier of 1939 and the basins of the rivers Vistula and San;

(4) Western Yiddish, westward of the German-Polish frontier of 1939.

On a purely geographical basis, these Yiddish dialects are designated respectively, as (1) northeastern, (2) southeastern, (3) central, and (4) western. A person speaking the northeastern dialect is commonly called *litvak*. Someone from Galicia, speaking the southeastern or central dialect, is often referred to as *galitsyaner*.




די דיאַלעקטן פֿון ייִדיש

During the great migrations that took place around the end of the 19th and beginning of the 20th centuries, large numbers of Jews migrated to overseas countries, while population shifts took place within eastern Europe itself. In that period many speakers of the several dialects were territorially dislocated, and, in overseas countries especially, a good deal of dialect mixture set in.

The most marked difference between the dialects lies in the vowels. For instance, the words for *one day* are pronounced, in central Yiddish, as [AYN TUG]; in northeastern Yiddish, [EYN TOG]; in southeastern Yiddish, [EYN TUG]. In addition, northeastern Yiddish does not distinguish between long and short vowels. With respect to vocabulary and grammar, the dialects differ but slightly.

As in any other language, standards have evolved in vocabulary, grammatical form, and pronunciation which do not follow dialect boundaries and are used in cultured writing and speech.

Standard forms were determined sometimes by the usage of the majority, sometimes by the prestige attached to a particular authority. As far as sounds are concerned, the standard language resembles most closely the northeastern dialect. Thus, in standard Yiddish, the pronunciation of אײן טאָג *one day* is [EYN TOG]. In many points of grammar, on the other hand, the standard language is closer to the central dialect. For example, the neuter gender of a noun like דאָס לאַנד *the country* has been adopted by the standard language from the central and southeastern dialects.